*דער בראשור שילדערט די ראלע פון די שווער צו פלאציר\שווער צו סערווירן איינהייט פון די NYS קאונסיל אויף קינדער און פאמיליעס Council on Children and Families, ) (CCF מיטן העלפן קינדער, יוגנטליכע און יונגע ערוואקסענע און זייערע פאמיליעס באקומען נויטיגע סערוויסעס.*

---

**פראגע וואס איז דער חילוק צווישן א שווער צו פלאצירן און שווער צו סערווירן סיטואציע?**

**ענטפער**

***שווער צו פלאצירן*** נעמט אריין א סיטואציע וואו א קינד, יוגנטליכער אדער יונגער ערוואקסענער מיט מערערע קאמפליצירטע געברויכן וואלט בעסער באדינט געווארן אין א רעזידענשל פלאצירונג אבער ווּעמענ'ס פאמיליע, און אגענטורן וואס ארבעטן מיט די פאמיליע, האבן געמאכט פלייסיגע באמיאונגען אבער האבן נישט געקענט באקומען צוטריט צו איינס וואס איז פאסיג.

***שווער צו סערווירן*** נעמט אריין א סיטואציע וואו א קינד, יוגנטליכער אדער יונגער ערוואקסענער מיט מערערע קאמפליצירטע געברויכן קען, מיט די הילף פון פאסיגע סערוויסעס פון מערערע פראוויידערס, פארבלייבן אין זיין אדער איר אייגענע היים, אבער וועמענ'ס פאמיליע און לאקאלע אגענטורן האבן נישט געקענט פארזיכערן אז מען באקומט די סערוויסעס.

**פראגע וואס איז די ראלע פון די שווער צו פלאצירן\שווער צו סערווירן איינהייט?**

**ענטפער**

דער שווער צו פלאצירן\שווער צו סערווירן איינהייט ארבעט צו:

- העלפן דעם מענטש מיטן באקומען די מערסט פאסיגע קאמיוניטי-באזירטע אדער רעזידענשל סערוויסעס.
- פארמינערן פארשפעטיגונגען אין ארראנדזשירן סערוויסעס אדער פלאצירונג.
- אוועקנעמען גרעניצן וואס שטערן צייטליכע סערוויס דעליווערי אדער פלאצירונג.

**פראגע ווען ווערט די שווער צו פלאצירן\שווער צו סערווירן איינהייט פארמישט?**

**ענטפער**

דער שווער צו פלאצירן\שווער צו סערווירן איינהייט ווערט פארמישט נאר נאכדעם וואס אלע פראגראם אפציעס און קאנפליקט שליכטונג פראצעדורן זענען שוין געווארן אויסגענוצט ביי די לאקאלע און ראיאן שטאפלען, אדער אויב סיי וועלכע עלטערן\קרוב שפירט אז זייער קינד'ס געברויכן ווערן נישט ערפילט דורך עקזיסטירנדע סיסטעמען.

**פראגע ווער קען רעפערירן א מענטש צום שווער צו פלאצירן\שווער צו סערווירן איינהייט?**

**ענטפער**

סיי ווער קען רעפערירן א מענטש צום שווער צו פלאצירן\שווער צו סערווירן איינהייט, אריינגערעכנט:

- **אינדיווידועל (זעלבסט-רעפערל)**
- **עלטערן אדער קרובים**
- **פאמיליע געריכט ריכטער**
- **שולע דיסטריקטס**
- **לאקאלע דעפארטמענטס פון סאשעל סערוויסעס**
- **סטעיט אגענטורן און זייערע לאקאלע אדער רעזידענשאל אפיסעס**
- **פרייוויליגע (נישט-פאר-פראפיט) ארגאניזאציעס**
- **אדוואקאטן**

**פראגע ווי אזוי מאך איך א רעפערל צום שווער צו פלאצירן\שווער צו סערווירן איינהייט?**

**ענטפער**

א מענטש וואס מאכט א רעפערל מוז צושטעלן פארן שווער צו פלאצירן\שווער צו סערווירן איינהייט דאס פאלגנדע:

CCF אינטעיק און CCF ריליעס אוו אינפארמעישאן פארמס. דאס קען מען טרעפן אויף אונזער וועבזייטל: www.ccf.ny.gov.

אין צוגאב, ביטע שטעלט צו דאס פאלגנדע:

- *מעדיצינישע היסטאריע*
- *פסיכאלאגישע אפשאצונג*
- *סייקיעטריק און פונקציאנעלע אפשאצונגען*
- *פסיכא-סאשעל היסטאריע*
- *אינדיווידועלע עדיוקעישאן פראגראם (IEP)*
- *געריכט פארהאנדלונגען (אויב פארהאן)*
- *פלאצירונג היסטאריע*
- *OPWDD טעבס נומער*

אלע אינפארמאציע וועט ווערן געהאלטן אין געהיים.

---

www.ccf.ny.gov

צו מאכן א רעפערל צום שווער צו פלאַצירן\שווער צו סערווירן איינהייט פון די NYS קאונסיל אויף קינדער און פאמיליעס, ביטע שיקט די CCF ריליס פארם, CCF אינטעיק פארם, און שטיצנדע מאטריאל צו:


**Hard to Place/Hard to Serve Unit**
NYS Council on Children and Families
52 Washington Street
West Building, Suite 99
Rensselaer, New York 12144

פאקס: 518-473-2570


## פראגעס?


**ביטע רופט:**

Sheila Jackson, אסיסטענט קאארדינעיטער
שווער צו פלאצירן\שווער צו סערווירן איינהייט
טעלעפאן: 402-3284 (518)
Sheila.Jackson@ccf.ny.gov

**ביטע רופט:**

Kathleen Rivers, אסיסטענט קאארדינעיטער
שווער צו פלאצירן\שווער צו סערווירן איינהייט
טעלעפאן: 473-9032 (518)
Kathleen.Rivers@ccf.ny.gov


*די NYS קאונסיל אויף קינדער און פאמיליעס שווער צו פלאציר\שווער צו סערווירן איינהייט ווערט געפירט דורך די הויפט פרינציפן פון די קינדער און צענערלינגען סערוויס סיסטעם פראגראם (Children and Adolescent Service System Program, CASSP): קינד-געצענטערט; פאמיליע-געצילט; קאמיוניטי-באזירט; מולטי-סיסטעם; קולטור-פעאיג; ווייניגסטע באגרעניצנד\ווייניגסטע אריינדרינגענד.*

## אלגעמיינע אינפארמאציע

די NYS קאונסיל אויף קינדער און פאמיליעס איז געשאפן געווארן צו ברענגען מער קאארדינירטע און אפעקטיווע סערוויסעס דורכאויס סיסטעמען פאר קינדער, יוגנטליכע און יונגע ערוואקסענע און זייערע פאמיליעס. זייט איר גרינדונג, איז איינע פון די קאונסיל'ס הויפט צילן געווען צו פארבעסערן צוטריט צו סערוויסעס דורכאויס סיסטעמען פאר קינדער מיט מערערע געברויכן. דער קאונסיל אדרעסירט דעם ציל אויף צוויי וועגן:

1) **דורך צושטעלן הילף פאר קינדער, יוגנטליכע און פאמיליעס; און**
2) **דורך אידענטיפיצירן און ארבעטן צו ערמעגליכן ענדערונגען אין סטעיט פאליסיס צו בעסער שטיצן דעליווערי פון אפעקטיווע סערוויסעס.**

www.ccf.ny.gov

# דער שווער צו פלאצירן\שווער צו סערווירן איינהייט:

באקומען צוטריט צו דורכאויס-סיסטעמען סערוויסעס פאר קינדער, יוגנטליכע און יונגע ערוואקסענע מיט קאמפליצירטע געברויכן


ניו יארק סטעיט קאונסיל אויף קינדער און פאמיליעס www.ccf.ny.gov

Renée L. Rider
עקזעקיוטיוו דירעקטאר

Kathy Hochul
גאווערנאר